**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 8/8/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול שרייבט אונטער רייע געזעצן צו ברענגען מער יושר און צוריקברענגען די ווירדע פון מענטשן וועלכע זענען פארמישט מיט די יוסטיץ סיסטעם

***געזעץ (A.6977A/S.643A) העלפט מענטשן וועלכע זענען אויף פעראול צו היטן אויף זייערע דזשאבס און פארזעצן זייער בילדונג דורכן פארברייטערן די שעה'ן פון פארלאנגטע קאמיוניטי אויפזיכט פראגראמען צו שעה'ן וואס זענען נישט קיינע ארבעט'ס שעה'ן***

***געזעץ (A.9273/S.8216) רעדוצירט שעדליכע סטיגמע קעגן ארעסטירטע מענטשן דורכן פארעכטן אלטמאדישע טערמינען וועלכע ווערן גענוצט אין סטעיט געזעץ***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אונטערגעשריבן א רייע געזעצן צו ברענגען מער יושר און צוריקברענגען די ווירדע פון מענטשן וועלכע זענען באטראפן געווארן דורך די קרימינאלע יוסטיץ סיסטעם. די נייע געזעצן וועלן העלפן מענטשן וועלכע זענען אויף פעראול צו היטן אויף זייערע דזשאבס אדער צו פארזעצן מיט זייער בילדונג און טרענירונג געלעגנהייטן דורכן פארברייטערן די שעה'ן ווען מענטשן אויף פעראול קענען ערפילן זייערע פארלאנגטע קאמיוניטי אויפזיכט פראגראמען צו שעה'ן וואס זענען נישט קיינע ארבעט'ס שעה'ן. אין צוגאב, וועלן די נייע געזעצן רעדוצירן שעדליכע סטיגמעס קעגן ארעסטירטע מענטשן דורכן פארעכטן אלטמאדישע טערמינען אין די סטעיט געזעץ וועלכע באציהען זיך צו ארעסטירטע מענטשן.

"אין ניו יארק טוהען מיר אלעס וואס מיר קענען נאר צו ווייזן אז גערעכטיגקייט און זיכערהייט קענען גיין האנט-ביי-האנט", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיר קענען מאכן אונזערע געסער און קאמיוניטיס זיכערער דורכן גיבן פאר מענטשן וועלכע זענען פארמישט מיט די יוסטיץ סיסטעם די טשאנס צו פארענדיגן זייער ריהעביליטעישען פראגראם און האבן א דזשאב אין דעם זעלבן צייט. דורכן באהאנדלען אלע ניו יארקער מיט כבוד הבריות און רעספעקט, קענען מיר פארמערן פובליק זיכערהייט בשעת'ן זיכער מאכן אז ניו יארקער באקומען באמת א צווייטן טשאנס."

איינס פון די געזעצן (A.6977A/S.643A) פארברייטערט די שעה'ן ווען מענטשן אויף פעראול קענען ערפילן זייערע פארלאנגטע קאמיוניטי אויפזיכט פראגראמען צו שעה'ן וואס זענען נישט קיינע ארבעט'ס שעה'ן, העלפנדיג זיי צו היטן אויף זייערע דזשאבס אדער צו פארזעצן מיט זייערע בילדונג פראגראמען. מענטשן וועלכע זענען אויף פעראול ווערן אפט אויפגעפאדערט צו אריבערגיין דראג אביוז באהאנדלונג און אנדערע ריהעביליטעישען פראגראמען דורכאויס ביזנעס שעה'ן, און דאס פארשווערט אויף זיי צו היטן אויף זייערע דזשאבס אדער צו זיך באטייליגן אין בילדונג אדער טרענירונג קלאסן. דורכן בעסער צוזאמשטעלן קאמיוניטי אויפזיכט פראגראמען צוזאמען מיט בילדונג, טרענירונג אדער ארבעט סקעדזשול, וועט די געזעץ זיי ערלויבן צו לייגן סיי די ריהעביליטעישען פראגראמען און סיי בילדונג געלעגנהייטן אלץ פריאריטעט.

**סטעיט סענאטאר לואיס סעפּאָלווידע האט געזאגט,** "די S.643A געזעץ וועט אויפפאדערן די DOCCS צו ערלויבן א מענטש וואס איז אויף פּעראול און האט א דזשאב צו נעמען זייער דראג אביוּז באהאנדלונג און אנדערע ריהעביליטעישען פראגראממען דורכאויס שעה'ן וואס זענען נישט ארבעט'ס שעה'ן, ווי ביינאכט און סוף וואך, אנשטאט פון פארזעצן וויאזוי עס פירט זיך יעצט אז זיי ווערן געפאדערט צו פארפאסן טעג פון ארבעט –און זיך איינשטעלן צו ווערן אויפגעזאגט – כדי זיך צו באטייליגן אין פראגראממען דורכאויס די ביזנעס טאג. פילע פראגראממען אפפערן זייערע סערוויסעס דורכאויס די טאג, נאכט און סוף וואך, און אנדערע וועלן זיך אויך צושטעלן צו נאכקומען די באדערפענישן פון זייערע קליענטן. פארלאנגען פון מענטשן אויף פּעראול צו אויפגעבן אדער פארלירן זייערע דזשאבס כדי זיך צו קענען באטייליגן אין פראגראממען איז אין קעגנזאץ צו איינס פון די פונדאמענטאלע צוועקן פון פּעראָול אויפזיכט — צו העלפן מענטשן אויף פּעראול באקומען ארבעט און ווערן פראדוקטיווע מיטגלידער אין די געזעלשאפט. איך וויל באדאנקען גאווערנער האקול פארן אונטערשרייבן דעם וויכטיגן געזעץ."

**אסעמבלי מיטגלידערין מעריצע דאווילע האט געזאגט,** "איך וויל אויסלויבן גאווערנער קעטי האקול פארן אונטערשרייבן דעם וויכטיגן געזעץ, איינס פון די זאכן וואס מיר דארפן טוהן אויף א בעסערן אופן איז צו צוריק איינגלידערן די וועלכע קומען ארויס פון טורמעס צוריק אריין אין די געזעלשאפט, דער געזעץ וועט ערלויבן די מענטשן צו האבן פּוּל-טיים באצאלנדע ארבעט אדער אקאדעמישע פאראנטווארטליכקייטן און נאכאלץ קענען ערפילן זייערע פליכטן דורכן נוצן זייערע נעכט און סוף וואך צו נאכקומען זייערע פליכטן פאר דראג אביוּז און אנדערע ריהעביליטעישען פראגראממען, צו עס איז פנים אל פנים אדער דורך ווידעאו באגעגענישן. אלץ א געזעלשאפט, דארפן מיר טוהן אלעס וואס מיר קענען צו מאכן די איינגלידערונג צוריק אין די געזעלשאפט גרינגער, און דער געזעץ טוט געגוי דאס."

איינס פון די געזעצן (A.9273/S.8216) ערזעצט די ווארט "inmate" (ארעסטאנט) אין די סטעיט געזעצן מיט "incarcerated individual" (איינגעשפארטע מענטש). מענטשן וועלכע זענען באטראפן געווארן דורך די קרימינאלע יוסטיץ סיסטעם האבן שוין פון לאנג אנגעמערקט אז טערמינען ווי "felon" (קרימינאל), "inmate", "prisoner" (ארעסטאנט) און "convict" (באשולדיגטער) זענען אוממענטשליכע טערמינען און ווידערהאלן די געדאנק אז איינגעשפארטע מענטשן זאלן קביעות'דיג ווערן אנגעקוקט ווי שלעכטע מענטשן און מיט סטיגמעס. די טויש אין די שפראך פון די סטעיט געזעץ וועט פארמינערן די סטיגמעס קעגן מענטשן וועלכע זענען פארמישט מיט די קרימינאלע יוסטיץ סיסטעם און דערמיט עלימינירן שטערונגען צו געלעגנהייטן אין וועלכע זיי שטויסן זיך אן. פריערדיגע געזעצן האבן געדעקט אלע דערמאנונגען אין די סטעיט געזעץ אבער האבן נישט געדעקט אקטיווע געזעצן אין 2021 וועלכע זענען אונטערגעשריבן געווארן און האבן אריינגערעכנט די טערמין "inmate".

**סטעיט סענאטאר גוּסטאַוואָ ריווערא האט געזאגט,** "די ווערטער וואס מיר נוצן האבן א השפעה. איך בין שטאלץ אז מיין געזעץ צו ערזעצן אלע דערמאנונגען פון די ווארט 'inmate' אין באציאונג צו איינגעשפארטע מענטשן אין די ניו יארק סטעיט געזעץ איז אונטערגעשריבן געווארן היינט דורך גאווערנער האקול. אלץ א געזעלשאפט האבן מיר פאר צו לאנג אראפגעקוקט אויף איינגעשפארטע מענטשן ווי ווייניגער פון מענטשן. דאס באנוץ מיט די ווארט 'inmate' באציהט זיך צו זיי ווי נאך ווייניגער מענטשליך און מיט ווייניגער ווירדע. דאס איז נאך איין קאנקרעטע טריט פאראויס וואס אונזער סטעיט נעמט אונטער צו מאכן אונזער קרימינאלע יוסטיץ סיסטעם איינס וואס איז קאנצעטרירט ארום ריהעביליטעישען אנשטאט נאר ארום באשטראפונג."

**אסעמבלי מיטגליד דזשעפראן ל. אויברי האט געזאגט,** "באשטראפנדע טערמינען ווי קרימינאל, ארעסטאנט, פארברעכער און באשולדיגטער דערנידערן מענטשן און זענען אוממענטשליך און לייגן ארויף א סטיגמע אויף מענטשן. נוצן א טערמין ווי 'incarcarated individual' אנערקענט די מענטשליכע ווירדע פון מענטשן, און עס שטרייכט אונטער די ווירדע פון מענטשן וואס קענען זיך

פארבעסערן. דער נייער געזעץ איז געווידמעט צו פארערעכטן אלטמאדישע טערמינען וועלכע האבן א נעגאטיווע ווירקונג אויף די איינגלידערונג פון א מענטש צוריק אין זייער קאמיוניטי."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418